גליון ו' פרשת וישב-חנוכה תשפ"ג לפ"ק

# צום פינטל

[בהוצאת "מכון מישרים"]
(משיעורי הרב שלום לאנגסאם)
קו פרטי בקול הלשון 1646-655-0559)

## נר ה' נשמת אדם

### נר ה'

'נרות' איז גאר א גרויסע זאך ביי א איד; עס זענען דא פארשידענע מצוות מיט ליכט, נר שבת ויו"ט, נר יוהכ"פ, נר הבדלה, נר של ביהכ"נ, נר חנוכה, און אזוי אויך ביי אלע סעודות מצוה צינדט א איד אן א לעכטל. אסאך גרויסע ענינים איז געזאגט געווארן אויף לעכט, און בעיקר דאס וואס א לעכטל איז מרמז אויף דעם מענטש, און בפרט אויף די נשמה פונעם מענטש, ווי ס'שטייט אין פסוק 'נר ה' נשמת אדם'.

בעצם איז שייך עטליכע וועגן צו מאכן לעכטיג דורך פייער, מען קען מאכן מיט אן 'אבוקה', מיט א 'מדורה', מיט א 'לעקטערישע לייט', אבער עפעס מיוחד איז דא דוקא מיטן 'לעכטל'. ווי ס'איז מבואר אין גמרא (שבת כג ע"ב) אז מיט א מדורה קען מען נישט צינדן קיין חנוכה לעכט.

דער טעם הדבר איז, ווייל א לעכטל איז געמאכט בעיקר צו מאכן לעכטיג, אבער א מדורה איז געמאכט בעיקר צו ווארעמען, צו קאכן און צו באקן, און נאר בתורת 'טפל' קען מען עס אמאל נוצן פאר לעכטיגקייט אויך. ווי ס'איז מבואר דא אין הלכות חנוכה אז טאמער ס'איז דא א מדורה, דארף מען נישט קיין 'שמש', אבער אן אדם חשוב דארף יא א שמש. און דער טעם הדבר איז, ווייל סתם א מענטש קען זיך באנוצן מיט די מדורה פאר ליכטיגקייט בתורת 'טפל', האט ער דאך שוין א ליכטיגקייט אויסער די חנוכה לעכט, אבער אן אדם חשוב וועט דאך נישט נוצן א טפל'דיגע ליכטיגקייט, ממילא דארף ער יא האבן א 'שמש'.

על כל פנים, אזוי איז די מציאות, אז א לעכטל איז בעיקר געמאכט פאר ליכטיגקייט, און אויך מיטן אויסשטעל איז עס שטארק געאייגנט פאר דעם, ס'ברענט שיין און מסודר. מה שאין כן א מדורה, איז מער א צעפלויגענע זאך, וואס דאס מאכט אז ס'זאל נישט זיין אזוי פאסיג פאר ליכטיגקייט, און וועגן דעם, וועט מען עס ענדערש נוצן אויף צו קאכן און באקן.

### פינף חלקים אין דאס לעכטל

א לעכטל האט פינעף חלקים: די 'כלי' וואס מ'רופט קרויז"ל בלע"ז, די 'שמן', די 'פתילה', די פייער, און די לעכטיגקייט וואס צעשפרייט זיך פונעם לעכט. און אז די וועסט זיך מתבונן זיין, וועסטו זעהן ווי אלעס איז שיין מסודר, די כלי מיט די שמן, זענען מער פון אונטן, און די פייער מער פון אויבן, און די קנויט איז מחבר צווישן זיי.

די ספרים הקדושים ברענגען די אלע חלקים פאר א משל אויפן מענטש. די כלי מיט די שמן זענען מער מרמז אויף די חלקים פון די גוף וואס איז פון אונטן (עי' בזוהר הק'), די פתילה איז מרמז אויפן חוט השדרה. און די לעכטיגקייט וואס קומט ארויס פונעם לעכט, דאס איז מער מרמז אויף די העכערע חלקים פונעם מענטש - די נפש און די נשמה וכו'[1].

### אסאך לעכט צוזאמען

ס'שטייט אין די פוסקים אנפאנג הלכות חנוכה (רמ"א תרע"א סעיף ד), אז נישט נאר מיט א מדורה קען מען

[1] עי' בענין זה בשם משמואל ראה - ור"ח אלול שנת תרע"ז: "ובזה נבין מה שנמשלה הנפש לנר, שכמו נר הנעשה מקיבוץ חלקים, נר שהוא הכלי לקבל את השמן ועליו השמן ועליו הפתילה ועלי' נאחז האור ומבלי אמצעות שמן ופתילה אי אפשר שיאחז האור בכלי ואין לאור שום שייכות לכלי בלעדי האמצעים האלה, כן אין לנפש שייכות לגוף אם לא ע"י האמצעים האלה, וכמו הנר באם תכבה את האור אין הכלי והשמן והפתילה משמשים כלום, כן הנפש אם תשוב הרוח אצל האלקים אשר נתנה שוב אין לגוף וכל האמצעים מציאות מאומה ונעדרה המציאות".

עוד שם מקץ - חנוכה - שנת תרע"ו ליל א: "ונראה שדוגמת ארבעה אלה היא בנר של מצוה, שהאור והשמן הם דוגמת מחשבה והרהור, שהאור תלוי בשמן דוגמת מחשבה בהרהור, שהרהור הוא נושא למחשבה ובלי הרהור המחשבה מתעלמת והולכת לה, כן כשפסק השמן מסתלק האור והולך לו, והפתילה היא דוגמת קול הנולד מחיבור המחשבה וההרהור, וכן הפתילה היא ענין חיבור האור והשמן והיא נמי בצורת וא"ו, והנה הוא כלי הנושא להאור, שמן ופתילה היא דוגמת המעשה כנ"ל".

ועי' בשפתי כהן שמות פרק כז פסוק כ "כי הנר הוא מצוי שהוא הכלי שמשימין בו הפתילה, והשמן היא הנשמה אבל צריך הדלקה, ומה היא הדלקתה עשיית המצוה, ולזה אמר כל העושה מצוה כאילו מדליק נר לפני הקב"ה ומחיה את נפשו שנקראת נר".

נישט יוצא זיין נר חנוכה, נאר אויך מיט אסאך לעכט וואס ליגן צוזאמגעדריקט, וואס דאס ווערט באטראכט אזוי ווי א מדורה.

אז מ'קוקט נאך די מקור פון דעם רמ"א, אין ספר הק' אור זרוע[2], זעט מען זייער א שיינע ביאור, ער זאגט אז לעכט האבן אסאך פלאץ ארום זיך, ממילא ברענט עס שיין, מה שאין כן ביי א מדורה איז אלעס צוזאם געקוועטשט, און ס'ברענט נישט שיין. און על פי זה אסר'ט ער אויך אסאך לעכט צוזאמגעקוועטשט, ווייל מיט דעם וואס עס איז צוזאמגעקוועטשט ווערט עס ווי א מדורה. און אזוי פסק'נט טאקע דער רמ"א אז מען טאר נישט צינדן אסאך לעכט צוזאמען.

דאס הייסט, אז ביי לעכט איז אלעס מסודר, די כלי און די שמן זענען מסודר פון אונטן, די פייער איז מסודר פון אויבן, יעדע לעכטל ברענט שיין און מסודר פאר זיך. מה שאין כן ביי א מדורה, איז די פייער מיט די ברען שטאף צוזאם געמישט אינאיינעם, עס איז נישט מסודר אויבן און אונטן, ממילא ברענט עס נישט שיין, ווייל ס'איז נישט מסודר. איז די זעלבע זאך איז מיט אסאך לעכט צוזאמען, ס'ברענט נישט שיין, במילא איז עס ווי א מדורה.

א מדורה קען מרמז זיין אויף אסאך יודען צוזאמען, אסאך אידן טוען צוזאמען מצוות מיט א פלאם פייער, אבער א לעכט איז מער מרמז אויף דעם 'נר ה' נשמת אדם', די נשמה פון יעדער איד באזונדער. און דאס איז וואס מיר דארפן חנוכה, א קליין לעכטל מיט א מסודר'דיגע שיינע פייער, טאקע א קליין לעכטל, אבער עס ברענט שיין און מסודר, יעדעס לעכטל באזונדער אויף זיין פלאץ, די כלי און די שמן פון אונטן, און די פתילה און פייער פון אויבן, נישט ווי א מדורה וואס אלעס איז צוזאמגעווארפן צוזאמען.

**אבוקה אינדערמיט**

אן **אבוקה** פון צוויי לעכט, איז א מחלוקת הפוסקים צי ס'האט א דין פון א לעכט, אדער א דין פון א מדורה, ווייל א אבוקה איז צווישן א לעכטל און א מדורה. דאס הייסט, א אבוקה איז נישט קיין לעכטל, די פייער ברענט אסאך שטערקער ווי א לעכטל. אבער פון די אנדערע זייט איז א אבוקה נישט אזוי 'נישט מסודר' ווי א מדורה, דאס הייסט, די פייער ביי א אבוקה איז יא פון אויבן, וואס דאס מאכט עס מער מסודר פון א מדורה, וועגן דעם איז דא פוסקים וואס האלטן אז א אבוקה האט יא א דין פון א לעכטל.

און בכללות ביי חנוכה האלטן די אחרונים להחמיר, אז א אבוקה איז נישט כשר[3], ווייל ס'דארף אפשר זיין דומה צו די מנורה, און נאך טעמים. אבער ביי נרות שבת איז די נטייה פון די אחרונים מער להקל, אז אן אבוקה איז יא כשר (און אדרבא ס'שטייט אין מ"א אין סי' רסד סק"א, אז שבת איז א הידור דוקא צו מאכן אן אבוקה פון צוויי לעכט צוזאמגעפלאכטן, פאר א זכר אויף 'זכור ושמור בדיבור אחד נאמרו').

ביי א מדורה איז זיך די פייער גאר שטארק מתגבר, די פייער גייט אריין אין די ברען שטאף אליינס, און ס'נעמט אלעס אינגאנצן איבער, די גאנצע ברען שטאף ווערט איין שטיק פייער. מה שאין כן ביי א נר, קען די פייער נישט געוועלטיגן אינגאנצן, ווייל די לחלוחית פון די נר האלט אים אפ, דערפאר ברענט א לעכט שטאטלעך שטאטלעך פאר א לאנגע צייט, נאך א משהו און נאך א משהו.

א אבוקה - צוויי לעכט צוזאמגעפלאכטן, דאס איז אביסל ווי א לעכט, און אביסל ווי א מדורה, די פייער איז זיך מתגבר ביי דעם מער ווי ביי א לעכט, אבער נישט אזוי שטארק ווי ביי א מדורה. און ממילא איז דא ביי דעם א מחלוקת צו וואס דאס איז גלייך, צי ס'איז ווי א לעכט אדער ווי א מדורה.

און ווי פריער דערמאנט, ביי חנוכה גייען די פוסקים מער אז אן אבוקה איז נישט גוט, און מ'דארף דוקא א נר יחידי, דאס איז מרמז אויף די כח פון יעדער איד באזונדער, און ווי יעדע איד האט די כח צו ברענען שיין איידל און באשיידן, מיט די ריכטיגע מאס און פונקטליכקייט.

**די ליכטיגקייט פון די לעכט**

די העכסטע חלק פונעם לעכטל, איז די לעכטיגקייט וואס קומט ארויס פון איר. וואס דאס זעהט מען שטארק ביי א 'נר נשמה'. ווי באקאנט אז איינע פון די פלעצער וואס ס'איז א גרויסער עסק מיט לעכט, איז א

[2] אור זרוע - ח"ב אות שכו "אמר רבא מילא אדם קערה שמן והקיפה פתילות... מיכן אני אומר כשמדליקין נרות של שעוה בערבי שבתות ובערבי י"ט ותוחבין הרבה נרות במנורה סמוכות זו לזו עד שהן מחממות זו מזו ונוטפת השעוה מחמת חמימות וגם נכפלות ונופלות שלא קיימו מצות נר שבת ויו"ט, דזה דומה למדורה, ואינן נשרפות **כדרך הנר שיש לו ריוח לישרף**".

[3] המגן אברהם בהל' חנוכה סי תרעא סק"ד איז מצדד אין דעם, דער פר"ח אין סימן תרע"א סק"ד איז מקיל אז ס'איז נישט ממש ווי א מדורה, דער פרמ"ג אין סימן תרע"א א"א סק"ד זאגט אז טאמער איז עס עקסטער שטארק צוזאמגעפלאכטן, קען מען מקיל זיין. אבער טאמער איז איין לעכט ווייט פון די אנדערע, ווערט די פייער גאר גרויס, און דענסמאל ווערט עס שוין יא גערעכנט ווי א מדורה. אבער דער ביאור הגר"א און הל' הבדלה סי' רצח סק"ד, איז מחמיר אז א אבוקה הייסט ווי א מדורה, און אזוי איז די נטייה פון רוב אחרונים כלפי חנוכה, אז מ'זאל מחמיר זיין אז א אבוקה הייסט ווי א מדורה, און אזוי פסק'נט די משנה ברורה. כן משמעות הביאור הלכה (תרע"א רמ"א סעי' ג) דרק בנרות הרבה ביחד אין להדליק בשבת כי הם מתחממות ונוטפות ונופלות, אבל אבוקה משני נרות קלועים אפשר לעשות בשבת ויו"ט.

נר נשמה, וואס מען צינדט אן לכבודו פון א נפטר. באקאנט איז דער טעם פונעם מגן אברהם (סימן תרי סק"ג) אז נ"ר באטרעפט 250 - 248 אנקעגן רמ"ח און נאך צוויי אנקעגן רוח ונשמה. אויך איז דא גרויסע סגולות ווען מען צינדט אן א לעכטל פאר א נשמה[4].

אבער אין רבינו בחיי (שמות פרק כה פסוק לא) שטייט אן אנדער טעם: היות די נשמה זעלבסט, איז איין שטיק ליכטיגקייט, ממילא האט די נשמה זייער הנאה ווען מען צינד אן פאר איר א לעכטל, ווייל מיט דעם איז מען מגלה זיין ליכטיגקייט, די ליכטיגקייט פון די נשמה[5]. פשט איז אז א 'נר נשמה' האט א שייכות מיט די העכסטע חלק פונעם לעכטל, די ליכטיגקייט אליינס.

וועלן מיר צוענדיגען מיט די ווערטער פונעם קב הישר (פרק צו) אז יעדע לעכטל וואס ברענט פאר א מצוה, איז דא אין דעם "חידושים נפלאים גדולים אין שיעור, ואילו היינו זוכים וכו' הינו משיגים על ידי הנרות עתידות". און ער ברענגט די מעשה פון דעם מהרש"ל (ים של שלמה) ווי ס'איז אים געשען א נס אז זיין קליין לעכטל האט געברענט כמה שעות, (וכן מצינו מעשה בבראשית רבה פרשה יא פסקה ב[6] בנס שהיה בנרות שבת).

## עולם ומלואו

### *רעפלעקטערס אין רשות הרבים*

**רעפלעקטער איז א געהעריגע מלבוש?**

*ס'איז ברוך השם דא א גרויסע אויפוואכונג ביים ציבור צו גיין מיט רעפלעקטערס, וועלן מיר אויסשמועסן די הלכה'דיגע חלק, וועגן ארויסגיין אנגעטוהן מיט א רעפלעקטער שבת קודש אין א רשות הרבים.*

*בכללות האלטן די אחרונים (ע' בספר גביע הכסף הלכות שבת סימן שא, ועוד) אז א רעפלעקטער איז א מלבוש, און מען מעג ארויסגיין אנגעטוהן מיט דעם אין שבת. ווייל די גדר פון א מלבוש איז אז עס מאכט א הנאה פאר דעם מענטש וואס איז אנגעטוהן מיט דעם, עס מאכט ווארעם, בכבוד'דיג, באקוועם, וכדומה, אזוי אויך א רעפלעקטער היט אפ דעם מענטש, עס איז א בגד וואס איז געמאכט פאר שמירה, און אויך איז עס גוט אנגעטוהן אויפן מענטש, עס נעמט איהם ארום כדרך מלבוש. און כל שכן די רעפלעקטער דזשעקעט, וואס איז ממש אינגאנצען אנגעטוהן כדרך מלבוש, איז זיכער אז מען קען ארויסגיין.*

*אבער פארט איז דא צדדים וואס מען קען טראכטן אז א רעפלעקטער איז נישט קיין געהעריגע בגד, ווייל דאס וואס עס היט אפ דעם מענטש, איז נאר בדרך גרמא. דאס הייסט, די עצם רעפלעקטער איז באמת געמאכט פאר יענעם, אז די קאר דרייווער זאל מיך זעהן, און דאס וואס די מענטש ווערט אפגעהיטן, איז נאר א תוצאה פון דעם וואס ער זעט מיך, און ס'איז אביסל אנדערש ווי אנדערע בגדים, וואס זענען מהנה דעם מענטש דירעקט.*

**די טיפקייט פון א 'בגד'**

*צו בעסער פארשטיין דעם צד להחמיר, וועלן מיר אביסל טיפער זיך אריינלאזן וואס הייסט א בגד, וואס הייסט א מלבוש.*

*א בגד איז נישט סתם אז עס איז אנגעטוהן אויפן מענטש, נאר א בגד געבט פאר דעם מענטש א* ***צורה*** *און א* ***תואר****, די צורה און תואר פונעם מענטש, איז תלוי אין זיינע מלבושים. א בכבוד'דיגע מלבוש, געבט א בכבוד'דיגע צורה, און א מיאוס'ע מלבוש געבט א מיאוס'ע צורה. א שטאלצע מלבוש געבט א שטאלצע צורה, א מלבוש פון א מלך ברענגט ארויס אויפן מענטש א צורה פון א מלך, און אזוי ווייטער יעדע סארט בגד געבט ארויס אנדערש די צורה פונעם מענטש.*

*ווען א אומן מאכט א נייע כלי, באקומט די כלי א נייע צורה, עס טוישט זיך פון א רינדלעכיגע זאך צו א באקסנדיגע, אדער פארקערט, יעדע זאך באקומט א צורה לויט ווי דער אומן וויל אים אויספארעמען. די זעלבע זאך געשעט מיט א מלבוש, ווען דער מענטש טוט זיך אן א מלבוש, פארעמט ער זיך אויס מיט דעם, יעדער מלבוש פארעמט אויס לויט זיין מיוחד'דיגע צורה.*

*מ'זעהט, אז יעדער בגד ברענגט ארויס די דרגא פונעם מענטש וואס טראגט איר, א בגד וואס נאר א מלך גייט,*

[4] ע' בספר ליקוטי מנחם להרר"מ מרימנוב (ליקוטים ערך נר) שכתב שהמנדר נר עבור איזה נשמה אותה נשמה הולכת להחזיר לו טובה אפי' עד שאול תחתית ומציאו משם. ובשו"ת בצל החכמה (חלק ד סימן כט אות ג) מביא מספרים שהטעם שמדליקים נר לע"נ צדיק הוא דוגמת הדלקת נר שבת על ידי הנשים 'לפי שהיא כבתה נרו של עולם' לפיכך ניתן לה מצוה זו לתקן החטא, וכמו כן בזה לפי מה שדרשו חז"ל מפני הרעה נאסף הצדיק נמצא שאנחנו גרמנו הסתלקותו וכביית נרו על כל אנחנו מדליקין נר לנשמתו לתקן מה שפגמנו.

[5] וכתב על זה בשו"ת תורה לשמה (סימן תקכ) "הרי לך שהנשמה יש לה הנאה מן האור, ואל תתמה על זה כי גם מן הריח מצינו שהנשמה נהנית בעודה שוכנת בגוף, וכמ"ש רז"ל 'איזה דבר שהנשמה נהנית בו זה הריח', והטעם מפני שהריח הוא רוחני ולכן מגיע ממנו הנאה לנפש שהיא רוחנית, וכ"ש האור שהוא יותר דק ורוחני מן הריח".

[6] מדרש רבה שם "ר' אלעזר אומר ברכו בנר ובי היה המעשה פעם אחת הדלקתי את הנר בלילי שבת ובאתי ומצאתי אותו במוצאי שבת דלוק ולא חסר כלום".

ברענגט ארויס גאר מיוחד'דיג, א געפיל און חשיבות פון א מלך. אביסל נידריגער, איז פאר די הערן און חשוב'ע מענטשן, ווידער א בגד פונעם המון עם, ברענגט ארויס אז ער איז א מענטש צווישן מענטשן וכדומה.

סך הכל, א בגד איז מתאר דעם מענטש וואס גייט איר, דער מענטש באקומט א נייעם תואר, א נייע געשטאלט, יעדע מלבוש לויט ווי ער ברענגט ארויס זיין צורה אויפן מענטש.

**דער בגד א טייל פונעם מענטש**

א צורה און א תואר, איז אודאי נישט די עצם זאך, ס'איז דאך נאר א צורה אויף דער זאך, נישט די זאך אליינס. אבער פון די אנדערע זייט, א צורה און א תואר איז דאך אויך נישט קיין זאך פאר זיך. ווי מ'זעהט, אז מ'קען נישט אפטיילן א צורה פונעם גוף הדבר, אויב טיילסטו ווען אפ, ווערט די צורה אינגאנצן אויס.

די זעלבע איז מיט א בגד, א בגד איז טאקע נישט די עצם מענטש, עס איז דאס נאר אנגעטון אויפן מענטש, אבער פון די אנדערע זייט, בשעת ער איז אנגעטון מיטן בגד, ווערט עס ווי א חלק פונם מענטש זעלבסט, און ווען די טוסט אויס דעם בגד, ווערט דער בגד ווי אויס אינגאנצן, כאילו אויס **מלבוש**.

ווי די הלכה לויטעט אין הלכות הוצאה בשבת, אז א בגד בשעת ער איז אנגעטון אויפן מענטש, מעג מען ארויסגיין מיט דעם שבת אין רשות הרבים, עס הייסט נישט קיין משא, ווייל עס ווערט ווי א חלק פונעם מענטש גופא. אבער די רגע ווען מען טוט אויס דעם בגד, איז ער סתם א כלי בעלמא, סתם א משא, און מ'איז חייב אויב מען טראגט עס ארויס אין רשות הרבים. פשט איז, אז ער איז ווי אויס בגד און מלבוש, ער איז ווי א כלי בעלמא.

ווען מען זעהט א מענטש אנגעטוהן, זעהסטו נישט צוויי עקסטערע זאכן, א מענטש, און אויך א בגד. דו זעסט איין זאך ממש, א מענטש מי די צורה פון זיין בגד, דער מענטש מיט א נייע פארעם, מיט די פארעם פון זיין בגד.

**די הגדרה פון 'בגד' לענין שבת**

עס שטייט אין שולחן ערוך, אז אויב א מענטש גייט ארויס אנגעטוהן מיט א באקס וואס באשיצט אים פון רעגן, איז ער חייב, ווייל עס הייסט נישט אנגעטוהן, עס איז נישט **דרך מלבוש**. דארף מען דאך פארשטיין, לכאורה די באקס באשיצט איהם דאך! נאר דער תירוץ איז, עס איז נישט גענוג אז עס באשיצט, עס דארף ווערן ווי א בגד, ווי א מלבוש. דאס הייסט, א בגד דארף ווערן איינס מיט דער מענטש וואס טראגט דעם בגד, א באקס איז צו ווייט פון דעם, א באקס איז צו ווייט פון די צורה פון א בגד, ממילא בלייבט עס ווי צוויי עקסטערע זאכן, איינס - א מענטש, צוויי - א בגד.

און אזוי איז דא פיל הלכות און הלכות שבת סימן שא, וואס אלעס דרייט זיך אויף דער נקודה, וואס הייסט א מלבוש, און וואס הייסט דרך מלבוש. דאס הייסט וועלכע סארט בגד ווערט ווי איינס מיט דעם מענטש וואס טוט עס אן, און וועלכע סארט בגד בלייבט אפגעטיילט פונעם מענטש, און ס'ווערט פארערכנט ווי א משא.

לדוגמא, 'אנקטימון', וואס דאס איז א מאסק וואס מ'טוט אן זיך צו פארשטעלן, הייסט נישט קיין בגד, עס ווערט פארערכנט ווי א משא. דער טעם איז, ווייל א מאסק איז נישט געמאכט צו מצייר זיין דער מענטש וואס טראגט עס, עס איז געמאכט זיך צו פארשטעלן און באדעקן פון אנדערע מענטשן. ממילא, ווערט עס פארערכנט ווי צוויי עקסטערע זאכן, דער מענטש עקסטער, און די מאסק עקסטער, ממילא איז עס א משא.

לאמיר צוריק גיין צו רעפלעקטערס, די שאלה איז צי א רעפלעקטער האט ממש א צורה פון א מלבוש, אז עס איז מצייר און מתאר דעם מענטש, אדער ס'איז א חיצוניות'דיגע זאך וואס ער טוט אן אויף זיך, און אפילו נאכן אנטון בלייבט עס ווי צוויי זאכן, דער מענטש, און די רעפלעקטער, עס ווערט נישט ווי איין גרויסע זאך, די מענטש זייענדיג אנגעטון מיטן רעפלעקטער.

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, יום יומי שיעורים 2 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 3, משנה וגמרא 4, הלכה 5, מוסר וחסידות 6, סיפורי צדיקים 7, אינטערסאנטע טאפיקס 8, שבת 9, מועדים 10, נשואין 11. נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך, בחר כפי רצונך:

לקבל גליון במייל שלח לshalomlangs@gmail.com. לנדב הגליון, או לפרסם בהגליון, נא להתקשר ל**מכון מישרים** 845-274-3516